# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל






## האב הנאה אבער מיט א חשבון

אין די וואכעדיגע סדרה ווארנט אונז דער אויבערשטער איבער די געפערליכע זינד פון אריינקומען קיין ארץ ישראל און דערנאך זיך אוועקקערן פון השי"ת צו גיין אין די וועגן פון די פרעמדע פעלקער. "**פן יש בכם איש או אשה או משפחה או שבט אשר לבבו פונה היום מעם השם אלקינו ללכת לעבד את אלהי הגוים ההם**", טאמער איז דא ביי אייך א מאן, אדער א פרוי, אדער א משפחה אדער א שבט, וואס זיין הארץ קערט אוועק היינטיגן טאג פונעם אויבערשטן צו גיין דינען פרעמדע אפגעטער פון די פעלקער (דברים כט, יז).

נאכן לעבן פערציג יאר אין מדבר מיט די מינימאלע געברויכן צו איבערלעבן, האבן זיך כלל ישראל יעצט געגרייט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל וואס וועט זיין אין א שטארקע קאנטראסט צו די פערציג יאר. ס'איז א לאנד וואו עס פליסט מילך מיט האניג, א לאנד וואס איז אנגעפילט מיט גוטס, דער אויבערשטער האט געוואלט מאכן זיכער אז מען ניצט נישט די טוב הארץ אויף א נעגעטיווע אופן.

דער אויבערשטער האט געוואוסט אז נאך אלע ווארענונגען וועט נאך זיין מענטשן וואס וועלן קלערן אז נישט זיי מיינט מען: "**והתברך בלבבו לאמר שלום יהי לי**", ער וועט זיך טראכטן אין הארץ אז פרידן וועט זיין צו מיר (שם, יח).

דערפאר טוט דער אויבערשטער געבן א שטארקע ווארענונג: "נישט נאר וואס איך וועל נישט פארגעבן פאר נישט נוצן ריכטיג מיינע מתנות, נאר איך וועל ברענגען חורבן און פארלענדונג אויב וועלן זיי ווערן אזוי ווי די פעלקער, איך וועל זיי מאכן "**כמהפכת סדום ועמורה אדמה וצבוים אשר הפך השם באפו ובחמתו**", אזוי ווי די שטעט פון סדום, עמורה, אדמה, צבוים, וואס השי"ת האט איבערגעדרייט מיט זיין צארן (שם, כב).

### סדום ועמורה

**דער** אויבערשטער נוצט סדום אלס א ביישפיל פון חורבן ווען ער וויל ווארענען כלל ישראל. די מהפכת סדום ועמורה איז געווען היבש א טראגעדיע וואס איז נאך אלץ אנזעבאר היינטיגע צייטן טויזנטער יארן שפעטער. פאר די אפיקורסים וואס האבן געלייקנט די סדומ'ער געשעעניש איז לעצטנס אנטדעקט געווארן ארכאלאגישע איבערבלייבענישן פון יענע צייט.

עלמה איז אין יענע צייט געווען א פרוכטבארע שטאט וואו די מענטשן האבן געהאנדלט מיט די איינוואוינער פון סדום. מען האט געטראפן בריוון אויף קלעי וואס ווייזט קלאר די האנדל און וואנדל וואס איז פארגעקומען צווישן די צוויי שטעט וועלכע זענען געווען בליענדע צענטערס פון ביזנעס. זיי האבן געהאט געלט און כל טוב וטוב. דאס אז א שטאט זאל איבערגעקערט ווערן פון איין עקסטרעם צום צווייטן דארף א הסבר.

די טראגעדיע איז געווען פונקטליך אויסגעפלאנט פון הקדוש ברוך הוא. ס'איז נישט געשען שטאָט פון עפעס וואס האט פאסירט נאטירליך נאר די שטעט זענען איבערגעקערט געווארן פון איין סעקונדע צום צווייטן.

ארץ ישראל איז א לאנד וואס ווערט געלויבט פאר איר שיינקייט און איבערפלוס פון רייכקייט. ארץ זבת חלב ודבש איז נישט נאר א הסבר נאר א סימבאל פון א לאנד וואס איז אנגעפולט מיט גוטס. חז"ל זאגן אונז אז אין ארץ ישראל האט גארנישט געפעלט, אלע גוטס אין דער וועלט פון גשמיות איז געווען עוועילעבל פאר כלל ישראל אין ארץ ישראל.

ס'איז אומפארשטענדליך אז אין אט דעם הערליכן לאנד קען מען טרעפן א פלאץ וואס איז א שארפע קאנטראסט צו איר שיינקייט. און דאס איז נישט קיין צופאל נאר פארזיכטיג אויסגעפלאנט פון השי"ת.

אויך די נביאים ברענגען שפעטער דעם שטאט **סדום** אלס א ביישפיל פון חורבן **"הנה זה היה עון סדום אחותך גאון שבעת לחם ושלות השקט היה לה ולבנותיה ויד עני ואביון לא החזיקה"** (יחזקאל טז, מט), אט דאס איז געווען די זינד פון סדום, וועלכע האבן זיך גרויס געהאלטן מיט זייער רואיגקייט און זעטיגקייט וואס זיי האבן פארמאגט, און זיי האבן נישט געהאלפן קיין ארעמעלייט.

פארוואס פונקט סדום פון אלע לענדער? ס'איז געווען גענוג פעלקער וואס האבן געלעבט מיט זינד און עבירות. ס'פעלט נישט גוי'אישע פעלקער וואס האבן ווידערגעשפעניגט אינעם אויבערשטן. וואס איז סדום אנדערש אז ס'איז געבליבן שטענדיג איינגעקריצט אלס צייכן פון חורבן. גענוג שטעט זענען חרוב געווארן דורך מלחמות הונגער אדער נאטורליכע געשעענישן. צייט גייט פארביי. נייע פעלקער שפראצן ארויס און די חורבן ווערט פארגעסן, די וואונדן ווערן פארהיילט, און א נייע לעבן הייבט אן צו ווירבלען. סדום מיט די ארומיגע לענדער זענען אנדערש. זיי זענען פארלענדעט געווארן אויף אן אופן אז זיי וועלן שוין מער קיינמאל נישט אויפגעבויעט ווערן. די שוועבל און פייער איז געמאכט געווארן אפצוזונדערן דעם געגנט אין צענטער פון ארץ ישראל, אז ס'זאל שטענדיג בלייבן א צייכן פון חורבן. ווי עס שטייט די וואך אין די סדרה, **"גפרית ומלח שריפה כל ארצה לא תזרע ולא תצמיח ולא יעלה בה כל עשב"** (שם, כב.) שוועבל, זאלץ, פייער, איז געווארן די גאנצע טעריטאריע פון סדום, מען קען גארנישט איינזייען און ס'קען גארנישט פלאנצן דארט, און עס גייט נישט ארויס קיין גראז.

פארוואס זאל דער אויבערשטער מאכן אן אייביגן חורבן אין א לאנד וואס איז כולו טוב?

## וואס איז ארץ ישראל?

**כדי** צו פארשטיין בעסער די תשובה פון די שאלה, מוזן מיר קודם פארשטיין בכלל די גרויסקייט וואס השי"ת האט אונז געגעבן דאס לאנד פון גלוסטיגע גוטסקייט. די 20 פסוקים זאגן אונז אז השי"ת האט צוגעזאגט דאס לאנד פאר

אונזערע אבות הקדושים וואס האבן זיך אויסגעצייכנט אים צו דינען, אלס א באלוינונג פאר זייער אויסערגעווענליכע גוטע מעשים, אויפצושטעלן א פאלק וואס וועט זיך דאס מערסטע אויסצייכענען מיט זייערע מעשים טובים, אין א לאנד וואס איז דאס מערסטע אויסגעצייכנט. א פאלק פון חסדי השם וועלן באלוינט ווערן מיט די גרעסטע שכר.

דער חידוש איז אז א פאלק וואס דארף לעבן א העכערע לעבן, וואס איז כולו קודש, א פאלק וואס באגערט צו **רצוננו לראות את מלכינו** זאל ווערן באלוינט מיט מילך און האניג. דאס איז א ביליגע אויסטויש פאר עולם הבא.

פאר די גויי הארצות ומשפחות האדמה וואס לעבן פארן ציל צו הנאה האבן פון דער וועלט, וואלט ארץ ישראל געווען די פערפעקטע שכר. וואס קען זיין פאר א גוי בעסער ווי נאך א פלאש וואדקע? אויב איר וועט זאגן פאר אן אוקריינער אז מען וועט אים געבן א לאנד פון חלב ודבש, פעלדער מיט אן איבערפלוס פון גערשטן און ווייץ, וועט ער ווערן איבערגליקליך אז ער וועט קענען פראדוצירן ווי מער ביר און וואדקע. דאס איז די גליק פון א גוי, אבער וואס האבן אידן מיט א לאנד פון מאטיריאליסטישע הנאות, ווען זייער איינציגע תשוקה וואס זיי האבן איז קרבת אלוקים?

דער רמב"ם אין הלכות תשובה פרעגט שוין די קשיא. מיר ווייסן אז אונזער שכר איז אויף יענע וועלט אבער ווען די תורה רעכנט אויס שכר איז מען גאראנטירט מיט שכר אויף דער וועלט. אזוי ווי מען רעכנט אויס אין די פרשה פון קריאת שמע, "**והיה אם שמוע תשמעו אל מצוותי... ונתן מטר ארצכם**", גענוג עסן, פרידן אין לאנד, געזונטע און לאנגע לעבן, עשירות, שיינע הייזער, אסאך קינדער, נישט קיין צרות פון די פרעמדע פעלקער און נאך. דאס זענען אלעס שכר אויף דער וועלט.

מיר ווייסן אז '**שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**' - אפילו איין מצוה איז צו גרויס און טייער צו קענען ווערן באצאלט אויף דער וועלט, די וועלטס געלט איז נישט גענוג צו באצאלן פארן דינען השי"ת. און דאך טוט די תורה נאר אויסרעכענען די שכר פון די וועלט. פרעגט דער רמב"ם: וואס מיינט דער צוזאג, אויב דו וועסט זיך צוהערן צו מיר וועל איך דיר געבן רעגן?

**שכר אויף דער וועלט - כדי צו קענען דינען השי"ת**

**דער** רמב"ם ענטפערט: אמת אז שכר באקומט מען אין עולם הבא, אבער מיר לעבן דא אין עולם הזה און אויב מיר וועלן זיין געפלאגט מיט הונגער, קראנקהייט, מלחמות און אנדערע שטערונגען וועלן מיר נישט קענען דינען דעם אויבערשטן. דערפאר וועט אונז דער אויבערשטער געבן גוטס אויף דער וועלט, אז מיר זאלן אים נאכמער קענען דינען אזוי ווי די משנה זאגט אין אבות, 'שכר מצוה מצוה', ווי מער מצוות מיר וועלן טון, אלץ מער שכר אויף דער וועלט, אלץ מער וועלן מיר קענען ווייטער טון מצוות.

ס'איז געגליכן צו א משל פון א בעל הבית וואס ברענגט אריין אין אפיס א וואסער מאשין אז די ארבעטערס זאלן זיך קענען דערקוויקן מיט פרישע וואסער. דאס איז נישט זייער שכר פאר די ארבעט, זייער שכר וועט נאכקומען סוף וואך און די ענוועלאופ. די וואסער מאשין האט דער בעל הבית אוועקגעשטעלט אז דער ארבעטער זאל נישט זיין דארשטיג און אזוי ארום קענען

ארויסגעבן א בעסערע ארבעט.

די גוטס אויף דער וועלט האט דער אויבערשטער אונז אוועקגעשטעלט אז מיר זאלן זיין צופרידן און אזוי ארום אים בעסער קענען דינען.

## די סדומ׳ער האבן נישט געלערנט קיין רמב״ם.

**די** תורה קומט אונז נישט דא פשוט דערציילן היסטאריע נאר אונז צו לערנען עפעס, די תורה זאגט אונז **"ואנשי סדום רעים וחטאים לה׳ מאוד"**, די סדומ׳ער זענען געווען זייער שלעכט און זינדיג פארן אויבערשטן. וואס איז געווען זייער זינד אז זייער שטראף איז געווען אזוי גרויס?

די סדומ׳ער זענען געווען זייער סוקסעספול אין זייער לעבן, אבער זיי האבן נישט פארשטאנען די סיבה וואס ליגט אונטער זייער סוקסעס, פארוואס דער אויבערשטער האט זיי געשאנקען די פולע גוטס. זייער עשירות האבן זיי גענוצט פאר שלעכטיגקייט וואס האט זיי נאכדעם צוגעברענגט זייער חורבן. דאס איז געווען די סיבה פון זייער צוזאמענפאל, זיי זענען געווען שלעכט ווייל זיי האבן געהאט צופיל צו עסן.

## צופיל גוטס

**סדום**, עמורה, אדמה, צבוים, צוער, דאס זענען געווען די פינף שטעט פון גן ה׳, וואו עס האט זיך געפונען דאס מערסטע עסן פון דאס גאנצע לאנד. דאס זאגט דער נביא יחזקאל **"זה היה עוון סדום אחותך גאון שבעת לחם"**, דאס איז געווען די זינד פון סדום, וועלכע זענען געווען זעטיג און גרויסהאלטעריש. זיך אנצופילן אפילו אן א שמיר פון קעז איז דער סיבה פאר זייער ווידערשפעניגונג.

איך האב געהערט פון אן אמת׳ע פאל ווי א מענטש איז געווען חתונה געהאט צו א פיינע פרוי, זי איז געווען א גוטע בעל הבית׳טע מיט אלע מעלות אבער ער איז געווארן מיד פון איר, און ער האט איר אפגע׳גט. ס׳איז איינע פון די מערסטע רשעות׳דיגע מעשיות וואס איך האב אמאל געהערט. ער איז נישט געווען אוממאראל נאר פשוט שלעכט. אהיימצוקומען יעדן טאג צו א גוטע ווייב, א ריינע שטוב און געשמאקע נאכטמאל איז צו פשוט פאר אים, "איך וויל מער", האט ער גע׳טענה׳ט.

וואספארא שלעכטיגקייט איז דאס? אזא מענטש וואלט געדארפט אהיימקומען צו א תפיסה. ער וואלט געדארפט ארבעטן ביטער שווער מיט שטיינער אזוויי אין די אמאליגע צייטן און אהיימקומען מיט ווייענדיגע ביינער, דעמאלטס וואלט ער הנאה געהאט פון זיין לעבן. ער וואלט זיך געפריידט צו זיין בעט צו קענען אויסרוען זיין אויסגעמוטשעטע קערפער, ער וואלט איינגעשלינגען זיין שטיקל קארטאפל מיט׳ן גרעסטן אפעטיט. א ווייב אין הויז? דאס וואלט שוין געווען איבער אלע זיינע ערווארטונגען. ער וואלט זיך געשפירט ווי דער גליקליכסטער מענטש אויף דער וועלט. א מענטש וואס קען נישט שעצן די גוטס פון זיין לעבן איז ווייל ער איז שוין אנגעפראסן מיט צופיל גוטס.

דאס איז פונקטליך וואס איז געשען אין סדום. זיי האבן געוואוינט אין גן ה׳ געניסנדיג פון אלעם גוטן, און זיי האבן דאס נישט גענוצט צו דינען השי״ת. דערפאר האט ער באשלאסן אז זיי האבן נישט קיין פלאץ אויף דער וועלט און זיי מוזן אונטערגעברענגט ווערן.

## האב הנאה און געב אכטונג

**איך** זאג נישט אז איר טארט נישט הנאה האבן פון דער וועלט, אבער איר דארפט דארט אכטונג געבן אויף אייערע טריט. א איד מעג האבן פון אלעם גוטן אבער דארפט איר טאקע האבן א לוקסוס'דיגע הויז אויסגעציערט מיט טייערע מעבל, באהאנגען מיט פירהאנגען? איך וויל קיינעם נישט דן זיין אבער מען דארף טראכטן פאר מען לאזט זיך וואוילגיין 'אויף וואס וועל איך אויסניצן די גוטס, צום גוטן אדער ח"ו פארקערט'.

די גמרא זאגט, '**לא נברא יין בעולם הזה**', (עירובין ס"ה ע"א) עס איז נישט באשאפן געווארן קיין וויין אויף דער וועלט. {און וויין מיינט נישט נאר פאקטיש וויין, נאר יעדע הנאה אויף דער וועלט}. און די גמרא ענטפערט אז איין הסבר איז 'לנחם אבלים', אויפצולעבן טרויעריגע מענטשן.

א מענטש האט מיר אנגעקלונגען אז ער איז זייער צוטראגן, ער וויל וויסן וואס ער קען טון. ער האט געוואלט א שנעלע תשובה ווייל די לאנג דיסטענס טעלעפאן קאל האט אים געקאסט אסאך געלט. איך האב אים געפרעגט: "דו האסט אייז קרעים אינדערהיים?" זאגט ער יא, אסאך אייז קרים. האב איך אים געזאגט, "עס אסאך אייז קרים און גיי פאר א רוהיגע שפאציר פארגעסנדיג פון אלע דיינע דאגות. דערנאך קום אהיים און לייג דיך שלאפן אין א באקוועמען בעט. פאר איין טאג זאלסטו נישט טראכטן פון דיינע פראבלעמען. דו דארפסט יעצט אן הפסקה פון דיינע שוועריגקייטן." ער האט אויסגעניצט זיינע גוטס אויף צו קענען דינען דעם אויבערשטן.

די צווייטע סיבה פון הנאה אויף דער וועלט וואס די גמרא זאגט דארט איז '**לשלם שכר לרשעים**' צו באצאלן פאר די רשעים אויף דער וועלט. אוודאי וואלט די וועלט געוווען זייער שיין אן די רשעים, אבער מיר דארפן זיי האבן זיי זאלן אונז דינען. זיי דארפן ארבעטן און אונז העלפן. נעם א פייער־מאן אדער פאליציי מאן, ווען ער גייט נישט אנגעטון זיין יוני־פארם קען ער זיין א רשע, אבער ווען ער איז אין אמט - סערווירן זיי אונז. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דער פאליציי מאן טאני, וואס האט מיר אוועקגעפירט פון א באנדע יונגען אז זיי זאלן מיר נישט באמערקן און שעדיגן.

'**אין הקדוש ברוך הוא מקפח שכר כל בריה**', דער אויבערשטער לאזט נישט אויס קיין שכר פון קיין שום באשעפעניש. (בבא קמא). יעדע מענטש אויף דער וועלט נישט קיין חילוק זיין שטאנד, איד אדער גוי דארף באקומען זיין פארדינטע שכר. יעצט שטעלט אייך פאר אז טאני זאל באקומען זיין שכר אין עולם הבא, ער וואלט מיטגעקומען מיט מיר דארט, "ראביי מילער דו געדענקסט ווען איך האב דיר געהיטן? יעצט וויל איך קומען מיט דיר". וועט מען אים זאגן: "דו האסט שוין געהאט דיין שכר אין עולם הזה. האסט געהאט געזונט, א משפחה, פרנסה, ס'איז גענוג געווען, קענסט גיין..." איך וויל ער זאל באקומען זיין שכר אויף דער וועלט, כ'זאל נישט דארפן זיין פארנומען מיט אים אויף יענע וועלט...

דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן ליקער סטארס און שיינע קארס, סטעיק און הערינג. ביים פענסטער פון בעקעריי איז דא אן אויסשטעלונג פון 23 ערלייי ברויטן, איך האב זיי אפגעציילט. א מחיה, זיי ווערן קיינמאל נישט נמאס צו עסן. זיי לעבן זיך אפ זייער לעבן אין שוואוילטאג און מען איז פארטיג מיט אלע חובות פאר זיי.

## וואו איז סדום היינט?

**יעצט** קומען מיר צו די גרויסע פראבלעם. ווער ווייסט אויב מיר עסן נישט אויף אונזער גוטס אויף דער וועלט ח״ו. דאס איז וואס די תורה ווארנט אונז אין אנהייב פרשה. דער ים המלח אין ארץ ישראל קומט אונז דערמאנען פון חורבן וואס מען קען ברענגען ווען מען ניצט נישט די עולם הזה צום גוטן.

ראש השנה ווען מיר זענען מתפלל פאר אלעם גוטן **זכרנו לחיים... וכתבנו בספר החיים... למענך אלוקים חיים.** בעטן מיר, טו עס פאר דיינעט וועגן אז מיר זאלן דיך קענען דינען.

מיר ווילן נישט אויסזען ווי טאני און דער פייערמאן און מיסט קערער וואס עסן און עסן און ווערן גרויס און פעט. מען קען זיי זען ארויסקומען פון סופערמארקעט אנגעלאדענט מיט גרויסע זעק עסן... מיר דארפן מחליט זיין אויף וועלכע זייט מיר שטייען, זענען מיר ווי די בני סדום און אלע טאניס, אדער עסן מיר צו קענען דינען דעם אויבערשטן. ס׳איז א גרויסע שאלה וואס יעדער איד מוז זיך אליינס פרעגן און ענטפערן.

יעדער איד דארף שטרעבן צו אויסצוניצן די גוטס וואס דער אויבערשטער שענקט אים נאר צו טון רצון השם און נישט ח״ו פארקערט. יעצט ווען מיר שטייען פאר די ימים נוראים גרייטנדיג זיך צו ממליך זיין דעם אויבערשטן זאלן מיר בעטן למענך השם. געב אונז דיין פולע גוטס אז מיר זאלן קענען ממשיך זיין צו טון גוטס. ניצן אונזער שפע פאר קיום תורה ומצוות און מיט דעם דערנענטערן די גאולה שלימה בב״א.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbosgmail.com

לייינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**
**וויאזוי זאל א מענטש זיך צוגרייטן צו די ימים נוראים?**

**תשובה:**
**א** יעדע מאנטאג און דאנערשטאג זאגן מיר "נחפשה דרכינו ונחקרה," לאמיר זיך אונטערזוכן אונזערע וועגן, אבער כמעט קיינער טוט עס נישט. די ערשטע זאך זאלט איר ערפילן וואס איר זאגט שוין אייער גאנצער לעבן. לאמיר נאכזוכן אונזערע וועגן און אריינקוקן אין אונזער אויפפירונג. האט שוין אמאל איינער דא זיך אפגעשטעלט פאר דריי מינוט אין א צי און אריינגעטראכט איבער זיינע מעשים? מענטשן זאגן צומאל ווערטער אן אריינצוטראכטן דערין. און מען רעדט דא נישט פון מענטשן וואס האבן נישט קיין אמת אין זיך, נאר זיי ווייסן פשוט נישט וואס זיי זאגן. דערפאר איז די ערשטע טריט, נחפשה דרכנו צו נאכזוכן אונזערע וועגן. ס'איז זייער וויכטיג צו ווידמען אפאר מינוט אריינצוקלערן איבער זיך. אפילו איר זענט א גוטער מענטש וועט איר טרעפן אסאך פלאץ וואו זיך פארבעסערן, און דאס איז שוין מילד גערעדט.

**נעמט** אייך אביסל צייט פאר זיך. ווארט נישט אז עס זאל געשען פון זיך אליינס. איר דארפט ווידמען אפאר מינוט, כאטשיג צוויי-דריי, אריינצוטראכטן וויאזוי צו פארבעסערן אייער עבודת השם. זאגן סליחות איז זייער א שיינע זאך, ס'איז הערליך, אבער איר וועט דארפן טון אסאך מער פון דעם זיך צוצוגרייטן פאר ראש השנה, אויסדריקליך! און אויב איר ווילט זיך בעסער צוגרייטן, וועט איר דארפן אוועקגעבן וויפיל צייט איר קענט נאר נאכצוזוכן אייערע וועגן. זיך צוצוהערן צו מיר איז נישט גענוג, נאר איר דארפט אהיים גיין און טון למעשה. קיינער אנדערש גייט אייך נישט העלפן, קיינער איז נישט נייגעריג אין אייך מער ווי איר אליין. דערפאר ווערט טעטיג זיך אליינס צו העלפן, און איר וועט אויפדעקן אסאך זאכן וואס איר האט נישט געטראכט דערפון. אויב איר זוכט וועט איר טרעפן, און דאן וועט איר קענען אנהויבן דעם פראצעדור פון מאכן א נייער מענטש פון זיך!

## נדבת השבוע

**לעילוי נשמת הרה"ח מרדכי אהרן חיים מענצער ב"ר אליעזר ע"ה**
נ' כ"ו אלול תשנ"ט ת.נ.צ.ב.ה.
**הונצח ע"י בנו הרה"ח ר' מיכאל דוב ומשפחתו הע"י**

\- - -

**לע"נ הרה"ק רבי משה ארי' ב"ר ישראל פריינד זצ"ל - נ' כ' אלול**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"